Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראָשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 184 | Łódź, Poniedziałek, 8 sierpnia 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, ו׳ מנחם אב תרצ״ב | № 184

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71


# באיקאט אויף דייטשע סחורות

## פאר דער כוליגאנישער טעטיגקייט פון די היטלער-לייט

# שארפע אקציע פון די אמעריקאנער יודען

ניו-יאָרק, 7 (ספ. טעל.)

אין גאַנץ אַמעריקאַ האָט זיך איצט ענטוויקעלט אַ בעוועגונג צווישען יודען וועגען אָנגעהמען מיטלען געגען די כוליגאַנישע אַרויסטרעטונגען פון די היטלעריסטען אין דייטשלאַנד.

עס זענען פאָרגעקומען בעראַטונגען אין אַ רייהע אַמעריקאַנער שטעט צווישען איינפלוסרייכע יודישע פערזענליכקייטען וועגען אָנגעהמען מיטלען צו שיצען דעם כבוד, לעבען און פערמעגען פון די דייטשע יודען.

עס איז בעשלאָסען געוואָרען: צו ערקלערען אין אַמעריקאַ אַ באָיקאָט אויף דייטשע סחורות.

דער באָיקאָט זאָל זיך קודם כל אויסדריקען אין דעם, וואָס מ׳וועט נישט שיקען קיין געלד דורך דייטשע בענק; נישט פאָהרען מיט קיין דייטשע שיפען; מ׳וועט דייטשלאַנד נישט געבען קיין קרעדיט; און דער עיקר — מ׳וועט נישט קויפען קיין דייטשע סחורות.

אין די נאָהענטסטע טעג דאַרף שוין אַרויסגעגעבען ווערען וועגען דעם אַנ׳אויפרוף צום גאַנצען אַמעריקאַנער יודענטום. די איניציאַטאָרען האָבען אַז אויב אפילו דעם באָיקאָט זאָלען פראַקטיצירען בלויז די אַמעריקאַנער יודען, וועט דייטשלאַנד איז משך פון איין יאָהר האָבען היזק עטליכע צוועלף מיליאָן דאָלאַר.

# מיט 20 און 25 פראצענט ביליגער

## וועלען ווערען די דירות אין פוילען

# ערב דעם דערשיינען פון א דעקרעט

וואַרשאַ, 7 טעלעפאָניש פון אונזער קאָר-רעספאָנדענט)

מ׳גיט איבער, אַז שוין די היינטיגע וואָך דאַרף דערשיינען דער דעקרעט פון מלוכה-פרעזידענט וועגען ביליגער מאַכען דירה-געלד.

די דירות זאָלען ווערען ביליגער אויף אַזאַ אופן:

גרויסע דירות — אויף 25 פראָצענט, און קליינע — אויף 20 פראָצענט.

וואַרשאַ, 7 טעלעפאָניש פון אונזער קאָר-רעספאָנדענט)

די היינטיגע וואָך וועט פאָרקומען אַ זיצונג פון עקאָנאָמישע קאָמיטעט ביים מיניסטאָרען-ראַט.

עס וועט אויסגעאַרבייט ווערען דער טעקסט פון דער פעראָרדנונג וועגען ביליגער מאַכען דירות, און דערנאָך וועט וואָהרשיינליך דערשיינען, אַלס דעקרעט פון מלוכה-פרעזידענט.

# אמעריקאנער פערזענליכקייטען

## ארויסגעפאהרען קיין פוילען

ניו-יאָרק, 7 (ספ. טעל.)

פון דאַנען זענען אַרויסגעפאָהרען קיין פוילען די באַקאַנטע אַמעריקאַנער פערזענליכקייטען: מיסטער נעש, דער דירעקטאָר פון „ניישן-אַסאָסיישן" קאָנגרעסמאַן סאַמועל דיקשטיין, און דוד בראַון — דער רעדאַקטאָר פון „אַמעריקען היברו מעגעזין".


Dr. med.

**A. Uryson**

אינערליכע קראַנקהייטען

11-טער ליסטאָפּאַד 20, טעל. 215-85

צוריקגעקעהרט

נעהמט אָן פון 6–8 אָוונד.

4608

שווער געטראָפען און טיף געריהרט זענען מיר פון דעם גרויסען אומגליק, וואָס האָט דיך געטראָפען ליבע שוועגערין און שוועסטער מיט׳ן פערלוסט פון דיין ליב-הארציגען מאַן

**דוד פרייס נ״ע**

נישטאָ קיין ווערטער דיך צו טרייסטען, נאָר אין דער ערציהונג פון דיינע ליבע קינדער זאָלסטו אַ טרייסט געפינען.

**שמואל גאָלדבלום** און פרוי.

4731

דעם האַרציגסטען מיטגעפיהל דריקען מיר דיר אויס ליבע שוועסטער און שוועגערין צו דיין גרויסען אומגליק, וואָס האָט דיך געטראָפען, צוליב׳ן טויט פון דיין ליבען אונפערגעסליכען מאַן

**דוד פרייס נ״ע**

זיי געטרייסט מיט המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

**הערשל קאַכאַן** און פרוי.

4730

אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער חשוב׳ן פערוואַלטונגס-מיטגליד אונזער חבר **משה וואָלפאָוויטש** צוליב׳ן טויט פון זיין

**פאָטער**

אין דיין ווייטערע אַרבייט פאַר דער פיזישער אויסלעבונג פון יוגענט זאָלסטו אַ טרייסט געפונען.

**פערוואַלטונג** און מיטגלידער פון יודישען ספאָרט-קלוב „מכבי" אין לאָדז.

4728

טיף געריהרט פון דעם גרויסען אומגליק, וואָס האָט דיר געטראָפען ליבע שוועסטער און שוועגערין, צוליב׳ן טויט פון דיין טייערן געשעצטען מאַן

**דוד פרייס נ״ע**

דריקען מיר דיר אויס דעם טיפסטען בייליייד. זיי פון גאָט געטרייסט!

**מאיר קאַכאַן** און פרוי.

4730

**אכטונג, בעקער-מייסטער**

מיטגלידער און נישט-מיטגלידער פון בעקער-צעך אין לאָדז

היינט, מאַנטאָג, פּינקטליך 7 אַ זייגער אָוונד קומט פאָר אין איינענעם לאָקאַל פּילסודסקיעגאָ 57

**אַ אַלגעמיינע פערזאַמלונג**

פון אַלע בעקער-מייסטער אין לאָדז

מיט פאָלגענדער טאָג-אָרדנונג:

1) די לאַגע אין פאַך; 2) די סאַנירונג אין פאַך; 3) פערשידענעס.

מיט אַכטונג

בנימין שקלאַרזש, שלמה ליב רויטענבערג, משה פּאָזניינסקי און מאיר גאָלדבערג.

4728

**דר. מעד. בערמאַן**

צעגעלניאַנאַ 15, טעל. 149-07.

ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט- און געשלעכטס-קראַנקה. מענער-שוואַכע בעהאַנדלונג.

נעהמט אָן פון 8–11 פריה און פון 4–8 אָוונד, זונטאָג פון 9–1 בייטאָג.

פאַר אונבעמיטעלטע—לעטשניצע-פרייזען.

**Dr. Robinzon**

אָרדינירט אין **פּאַבּיאַניצע**

ווילאַ וויעטשאָרקאָווסקי.

נאָך לאַנגע און שווערע ליידען איז נעכטען ביינאַכט, דעם 7-טען אויגוסט 1932 געשטאָרבען אונזער הייס-געליבטער פאָטער, מאַן און גרויספאָטער אין עלטער פון 67 יאָהר

**נ״ע יעקב יוסף ב״ר משה ז״ל**

**מייסטערמאַן**

**אויבערלאַנטאַר פון „אהל יעקב"**

די לויה קומט פאָר היינט, מאַנטאָג, 1 אַ זייגער בייטאָג פון טרויער-הויז שרודמיעסקאַ 72, וועגען וואָס ס׳טיילען מיט די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

